געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת
האזינו-יום כיפור
תשפ"ז
גליון רי"א
שנה ו'

### די שטראף אינעם "שמים" איז פיל מער ווי די שטראף אינעם "ארץ" ווייל אויב וועט נישט רעגענען פון הימל וועט ממילא נישט וואקסן פון ערד

**האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי.** (לב, א)

דער מזרחי שטעלט זיך פארוואס האט דער פסוק אפגעטיילט צווישן "השמים" און "הארץ", און עס שטייט נישט צוזאמען "האזינו השמים והארץ"?

קען מען דאס מסביר זיין, לויט ווי רש"י זאגט דא, אז משה רבינו האט געזאגט אז די הימל און ערד וועלן זיין די עדים, און זיי וועלן אויך זיין די וואס וועלן זיי באצאלן זייער שכר, דהיינו, אז אויב די אידן וועלן היטן די תורה און מצוות וועט די **שמים** געבן רעגן און די **ארץ** וועט ארויסגעבן אירע פירות, און אויב זיי וועלן ח"ו נישט היטן די תורה און מצוות, וועלן די **שמים וארץ** זיי געבן זייער שטראף, אז פון הימל וועט נישט גיין קיין רעגן, און פון די ערד וועט נישט וואקסן קיין תבואה.

לויט דעם קומט אויס, אז די עיקר עונש איז תלוי אין די **שמים**, ווייל אויב עס רעגנט נישט פון הימל ווערט די **ארץ** אויך געשטראפט, ווייל אז זי באקומט נישט קיין וואסער, קען זי נישט ארויסגעבן קיין פירות, משא"כ די ערד האט נישט קיין השפעה אויף די רעגן פון הימל, און די עונש פון די ערד איז נאר, אז אויב מען וועט איר באוואסערן מיט געשעפטע וואסער, וועט זי אויך נישט ארויסגעבן קיין פירות, און ממילא איז די עונש פון די ערד פיל ווייניגער ווי דעם עונש פונעם הימל.

מיט דעם קען פארענטפערן די קשיא פון דעם מזרחי, פארוואס האט משה רבינו אפגעטיילט די פסוק אין צוויי, ווייל ביי די קללה אויף די הימל האט ער געזאגט די לשון **האזינו השמים ואדברה**", און די לשון **דיבור** ווייזט אויף א דיבור קשה, וואס דאס פאסט צו זאגן אויף די עונש פון די הימל, משא"כ אויף די ערד האט ער געזאגט **ותשמע הארץ "אמרי" פי** נוצנדיג א לשון פון אמירה רכה וואס דאס פאסט צו זאגן אויף די ערד.

### דער אויבערשטער טוט א חסד אז ער טיילט איין די סליחה אויף עטליכע חלקים

**אם עונות תשמר י-ה אדנ-י מי יעמד... והוא יפדה את ישראל מכל עוונותיו.** (תהלים קל, ג-ח)

דער טור (הל' ראש השנה סי' תקפא) **ברענגט** א מדרש תנחומא, אז ערב ראש השנה פאסטן די גדולים און דאן איז דער אויבערשטער מוחל א דריטל פון די עבירות. עשרת ימי תשובה פאסטן די בינונים, און דאס מעקט אפ א צווייטע דריטל פון די עבירות. און יום כיפור פאסטן אלע אידן און דאס מעקט אפ די לעצטע דריטל, און דאן ווערן נמחל אלע עבירות.

און די סיבה צו דעם איז, ווייל די מידת הדין לאזט נישט צי אז דער אויבערשטער זאל מוחל זיין אלע עבירות, דערפאר דארף מען עס צוטיילן אויף דריי חלקים, און אזוי איז דער רבש"ע מוחל יעדע מאל נאר אויף א חלק, ביז ווען צום סוף ווערט אלעס אפגעמעקט.

קען מען זאגן, אז דאס זאגט דא דוד המלך: "**אם עונות תשמר י-ה**" אויב דער אויבערשטער וועט היטן די עבירות און דאס נישט צוטיילן אויף איינצעלנע חלקים, "**אדנ-י מי יעמוד**" ווער וועט קענעןביישטיין דעם מידת הדין וואס איז מרומז אינעם שם אדנ"י, ווייל דער מידת הדין וועט נישט צולאזן מוחל צו זיין אלע עבירות אויף איינמאל. נאר וואס דען? "**כי עמך הסליחה**" דער אויבערשטער האלט ביי זיך **א חלק פון די סליחה**, אז די חלק פון עשרת ימי תשובה און פון יום הכיפורים זאלן דערווייל ליגן ביי אים ווי א פקדון, ביז ווען ער וועט אינגאנצן מוחל זיין אלע עבירות. ווייל "**נפשי לה' משומרים לבוקר**" מיין נפש שליסט זיך אן מיט די גדולים וואס פאסטן דעם בוקר פון ערב ראש השנה, און אזוי אויך "**שומרים לבוקר**" מיט די וואס פאסטן דעם בוקר פון עשרת ימי תשובה, און אזוי "**יחל" ישראל אל ה'**, מיר **האפן** און קוקן ארויס אנצוקומען צום גמר הכפרה אום יום כיפור, "**כי עם ה' החסד**" ווייל דער אויבערשטער טוט אונז א חסד און ער איז מוחל די עבירות, דורך "**והרבה עמו פדות**" אז ער **פארמערט** דאס מוחל זיין, און אזוי **לייזט** ער אונז אויס פונעם מקטרג, און אזוי קען מען האפן אז "**והוא יפדה את ישראל מכל עוונותיו**" אז יום כיפור וועט ער אויסלייזן די אידן **פון אלע עבירות.**

**'קומץ המנחה' דרוש נה לשבת שובה אות יז-יח**

### וויבאלד אז דער אויבערשטער געבט א שאנס תשובה צו טון קומט זיך אן עונש פאר די וואס טוען נישט תשובה

**נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה לא ינקה...** (שמות לד, ז)

די גמרא פרעגט (יומא פו.) אז לכאורה קען מען נישט זאגן אז דער אויבערשטער רייניגט פון עבירות, ווייל עס שטייט דאך אין פסוק "לא ינקה", און מען קען נישט זאגן אז ער רייניגט נישט ווייל עס שטייט דאך אין פסוק "ונקה", נאר וואס יא? "ונקה" איז פאר די וואס טוען תשובה און "לא ינקה" איז פאר די וואס טוען נישט תשובה.

זאגט דארט רש"י, אז די קשיא איז פון דעם וואס דער פסוק זאגט "ונקה לא ינקה" איינער נאך דעם אנדערן, וואס וועגן דעם מוז מען זאגן די תירוץ. פרעגט דער רי"ף, אז לכאורה אפילו ווען זיי שטייען ווען נישט צוזאמען וואלט אויך שווער געווען אז די צוויי ווערטער זענען זיך סותר?

קען מען זאגן, אז ווען עס שטייט ווען נישט אינעם זעלבן פסוק "**ונקה לא ינקה**" וואלט מען

זכות פרנס החודש נתנדב ע"י הרבני הנכבד
הר"ר יואל מאסרי הי"ו
לרגל נישואי בתו תחי' למז"ט
זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה לבנות בית נאמן בישראל

געקענט מחלק זיין אז "ונקה" גייט ארויף אויף עבירות שבין אדם למקום, און "לא ינקה" גייט ארויף אויף עבירות שבין אדם לחבירו, אזוי ווי די גמרא ענטפערט אין ראש השנה (יז:). אבער יעצט אז עס שטייט צוזאמען אין איין פסוק, איז מסתבר אז מען רעדט פון די זעלבע סארט עבירה.

אבער לכאורה נאך די תירוץ פון די גמרא אז לא ינקה גייט ארויף אויף די וואס טוען נישט תשובה ווערט שווער פארוואס שטעלט די פסוק צוזאם ונקה פאר די וואס טוען תשובה און ולא ינקה פאר די וואס טוען נישט תשובה איינס נעבן די אנדערע, וואס אין פשטות אן די דרש איז דאס א סתירה, און בפרט אז דער פסוק רעדט דאך דא פון די י"ג **מידות של רחמים**, און וואו קומט דא אריין צו זאגן אז "**לא ינקה**" פאר די וואס טוען נישט תשובה?

קען מען עס מסביר זיין לויט וואס דער בעל עקידה איז מסביר אויף דעם פסוק (תהלים קל, ד) "כי עמך הסליחה **למען תִּוָּרֵא**", אז דאס וואס דער אויבערשטער איז מוחל עבירות, דאס ברענגט צו למען תִּוָּרֵא אז א מענטש זאל ווייטער מורא האבן פאר'ן אויבערשטן, ווייל אויב עס וואלט נישט געווען אזא זאך ווי מחילת עוונות, וואלט זיך יעדער מענטש גלייך מייאש געווען נאך וואס ער האט איינמאל געזינדיגט, ווייל ער וואלט געטראכט אז ער איז שוין סייווי א פארפאלענער און ער האט שוין נישט וואס זיך צו שלאגן מיט'ן יצר הרע, און במילא וואלט ער זיך שוין נישט מונע געווען פון צו זינדיגן ווייטער, אבער יעצט אז ער קען נאך תשובה טון, וועט ער ווייטער מורא האבן פאר'ן אויבערשטן, ווייל ער ווייסט אז אויב ער וועט תשובה טוהן, וועט ער זיין צוריק אינגאנצן ריין, און אז ער וועט ווייטער זינדיגן וועט ער זיך צוריק פארשמירן, און דער רבש"ע וועט אים דערויף באשטראפן.

אבער למעשה נאכדעם וואס דער רבש"ע האט שוין געגעבן די מעגליכקייט צו תשובה טוהן, וועט א רשע וואס וועט נישט תשובה טוהן, באשטראפט ווערן סיי אויף די עצם עבירה און סיי אויף דעם אז ער האט נישט תשובה געטון, ווייל עס וועט זיין אויף אים א דאפלטע טענה, ווייל חוץ פון די עצם עבירה וואס ער האט געזינדיגט, האט ער אויך פוגם געווען מיט דעם וואס ער האט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו תשובה טון.

לויט דעם שטימט שוין זייער גוט די פשט אין פסוק, ווייל היות אז דאס וואס דער רבש"ע קען באשטראפן די רשעים איז נאר א תוצאה פון דאס וואס מען קען תשובה טוהן, קומט דאך אויס אז די מידה פון "**לא ינקה**" איז א דירעקטע תוצאה פון "**ונקה**", און במילא פאסט זיך עס אריין גראד נאך ונקה, ווייל די גאנצע זאך איז א תוצאה פון "ונקה".

**'שיורי קומץ המנחה' דרוש כב לשבת שובה**

## נאר פאר א בינוני קען מען אראפרעכענען פון די יארן מוחל צו זיין זיינע עבירות

**אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו.** (ישעיה א, יח)

די גמרא פרעגט (שבת פט:), פארוואס שטייט די לשון **כשנים**, לכאורה וואלט געדארפט שטיין "כשני" בלשון יחיד? דרש'נט די גמרא, אז אפילו אויב די עבירות וועלן זיין **ווי די יארן** וואס זענען מסודר פון ששת ימי בראשית, וועלן זיי אויך ווייס ווערן ווי שניי.

קען מען זאגן פשט, לויט ווי די גמרא זאגט דארט ווייטער, אז לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער זאגן פאר אברהם אבינו "בניך חטאו", וועט ער ענטפערן "ימחו על קדושת שמך", וועט ער גיין צו יעקב אבינו און ער וועט אויך אזוי ענטפערן, וועט דער אויבערשטער גיין צו יצחק אבינו און יצחק וועט ענטפערן: זענען זיי דען מיינע קינדער און נישט דיינע? און ער וועט מאכן א חשבון: וויפיל צייט לעבט א מענטש? זיבעציג יאר, ביז די 20 שטראפט מען דאך נישט אין בי"ד של מעלה, בלייבט איבער 50, האלב פון דעם איז דאך די נעכט וואס מען זינדיגט נישט - בלייבט איבער 25, האלב פון דעם איז מען דאך פארנומען צו דאווענען און עסן או"ו - בלייבט איבער נאר 12 און א האלב יאר, נעמסטו די גאנצע אויף דיר איז גוט, און אז נישט לאמיר זיך צוטיילן, פלגא עלי ופלגא עלך, און אז דו ווען זאגן אז איך זאל נעמען אויף מיר די גאנצע, האב איך מיר דאך שוין מוסר נפש געווען פאר דיר.

און פונעם מהרש"א דארט זעט מען, אז די גמרא רעדט זיך פון **בינונים** וואס האבן האלב מצוות און האלב עבירות, קען מען זאגן פשט, אז פאר א רשע וואס איז שקוע טאג און נאכט אין עבירות, העלפט נישט די לימוד זכות פון יצחק, ווייל ער איז דאך פארנומען זיין גאנצע 70 יאר מיט עבירות, ווייל אויך ביי די נעכט זינדיגט ער, און אזוי אויך עסט ער און ער טרינקט מאכלות אסורות, במילא האט מען נישט וואס צו אראפרעכענען ביי אים.

קען זיין, אז דאס איז פשט אין גמרא "**אם יהיו חטאיכם כשנים**" אויב ענקערע עבירות וועלן זיין **ווי די יארן** וואס זענען מסודר פאר מיר, דהיינו אויב ענק וועלן זיין **בינונים** וואס מען קען אראפרעכענען פון די יארן לויט'ן חשבון פון יצחק אבינו, דעמאלטס טאקע "**כשלג ילבינו**" וועט דער אויבערשטער ענק ריין מאכן פון עבירות, אבער אויב ענק וועלן ח"ו זיין רשעים וועט מען נישט קענען נוצן די עצה אראפצורעכענען פון די יארן לויט'ן חשבון.

**'קומץ המנחה' בראשית דרוש ב אות ב**


**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868


# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטרעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת


הגליון נתנדב ע"י
הרבני הנכבד
הר"ר **דוד שפילמאן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו כמר **ישראל מאיר** נ"י
לעול התורה והמצוות

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יעמוד בעדו לראות ולרוות רב תענוג
ונחת דקדושה מכל יוצ"ח
מתוך שמחה והרחבת הדעת